**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 10/29/2025 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול, מעיאר עדעמס, בראנקס בארא פרעזידענט גיבסאן, NYCEDC, 8טע רעגימענט פארטנער און NWBCCC פייערן אריבערגאנג פון היסטארישע וויזיע פאר די קינגסברידש ארמאי אין די בראנקס**

***אויפגעוויקלט דורך גאווערנער האקול, מעיאר עדעמס און רעפריזענטאטיוו עספאיליאט פריער דאס יאר, בראווע פלאן פאר נייטסברידש ארמארי וועט שאפן א בליענדע געמיינדע האב אין די בראנקס***

***פארשלאג רעכענט אריין סטעיט-פון-די-ארט ווענוי, פארוויילונג ארט, קולטורישע און קאמערציאלע פלאץ, געמיינדע פלאץ, ארבעטקראפט אנטוויקלונג און צוגענגליכע וואוינונג***

***געשטיצט דורך 216 מיליאן דאלאר אין סטעיט, סיטי און פעדעראלע אינוועסטירונג, ווידער דיוועלאפמענט וועט צולייגן 2.9 ביליאן דאלאר צו סיטי'ס עקאנאמיע און שאפן באלד 36,000 דשאבס***

גאווערנער Kathy Hochul (קעטי האקול). ניו יארק סיטי מעיאר Eric Adams (עריק עדעמס), בראנקס בארא פרעזידענט Vanessa Gibson (וואנעסא גיבסאן), ניו יארק סיטי עקאנאמישע אנטוויקלונג קארפאראציע (New York City Economic Development Corporation, NYCEDC) פרעזידענט און CEO Andrew Kimball (ענדרוי קימבאל), 8טע רעגימענט פארטנער און די צפון מערב בראנקס געמיינדע און רעליגיעזע פירער קאליציע ( ,Northwest Bronx Community & Clergy Coalition NWBCCC) האבן היינט געפייערט די ניו יארק סיטי קאונסיל'ס באשטעטיגונג פון אן אמביציעזע פלאן צו טראנספארמירן די קינגסברידש ארמארי אין די בראנקס צו א בליענדע געמיינדע-צענטרירטע האב. די פארשלאג - וועלכע איז געווארן אויפגעוויקלט דורך גאווערנער Hochul (האקול), מעיאר Adams (עדעמס) און פאראייניגטע שטאטן רעפריזענטאטיוו Espaillat (עספיליאט) פריער דאס יאר און אויסגעפארמעט דורך די "צוזאמען פאר קינגסבריש וויזיע פלאן" (" Together for Kingsbridge Vision Plan") - נעמט אריין צוויי פאזעס. די ערשטע פאזע וועט שאפן א סטעיט-פון-די-ארט ווענוי ארט פאר אינטערהאלטונג, פארוויילונג ארט, קולטורישע און קאמערציאלע פלאץ, לייכטע אינדוסטריאלע פראדוצירונג פלאץ און איבער 25,000 קוואדראט פוס פון דעדיקירטע געמיינדע ארט. די צווייטע פאזע וועט שאפן ביז 500 איינריכטונגען פון פערמענאנטע צוגענגליכע רענטאל וואוינונג נעבן צו די ארמארי. געשטיצט דורך 216 מיליאן דאלאר אין סטעיט, סיטי און פעדעראלע אינוועסטירונג, די ברייטע פארשלאג איז ערווארטעט צו אויפטרייבן 2.9 ביליאן דאלאר אין עקאנאמישע ווירקונג פאר די בראנקס און שאפן באלד 36,000 דשאבס מיט א דגוש אויף אויפנעמען פון די לאקאלע געמיינדע.

"די היינטיגע סיטי קאנסיל אפשטימונג צייכנט א גרויסע טריט פאראויס צו צוזאמברענגן בראנקס' געמיינדעס - שאפענדיג הונדערטע צוגענגליכע היימען, טויזנטע גוט-באצאלענעדע, לאקאלע דשאבס און א וויבראנטע געמיינדע ארט וואו שכנים קענען זיך פארבינדען," **האט גאווערנער Hochul (האקול) געזאגט.** "מען ארבעט שוין אויף די פראיעקט פאר צענדליגע יארן, און ענדליך גייט עס געטוהן ווערן. די

קינגסברידזש ארמארי וועט בלייבן א גרונטשטיין פון די בראנקס, טרייבענדיג עקאנאמישע וואקס און פארשטערקערענדיג קינגסברידזש הייטס. א דאנק אייך צו אונזער מיטארבעטער אין סיטי און לאקאלע רעגירונג און געמיינדע פירער פארן שטיצן די אמביציעזער פלאן ווען אונז ארבעטן צוזאמען דעס צו ענדיגן."

**ניו יארק סיטי מעיאר Eric Adams (עריק עדעמס) האט געזאגט,** "פון טרענירן קרעפטן דורכאויס די ערשטע וועלט מלחמה צו פארטייל עסן דורכאויס די קאוויד 19 פאנאדעמיע, די קינגסברידזש ארמארי האט געדינט אונזער שטאט פאר מער ווי א יארהונדערט; מיט די היינטיגע אפשטימונג הייבן אונז אן ארבעט אויף די קומעדיגע קאפיטל אין איר דינאמישע היסטאריע און א לעבטיגע צוקונפט פאר די בראנקס. מיט הונדערטע צוגענגליכע היימען און צענדליגע טויזענטע קוואדראט פוס פון קאמערציאלע, געמיינדע און פראדוצירונג פלאץ די אמביציעזע פארשלאג וועט געבן פאר די בראנקס וויכטיגע ארט צו ארבעטן לעבן און צוזאמקומען. אנדערע אדמיניסטראציעס האבן גערעדט איבער טראנספארמירן די פלאץ; אונזער אדמיניסטראציע האט עס ערלעדיגט. א דאנק צו אלע טויזענטע געמיינדע מיטגלידער וועלכע האבן געגעבן זייער מיינונג איבער די צוקונפט פון די ארמארי און די געמיינדע פירער וועלכע האבן עס געשטיצט."

**בראנקס באָרא פרעזידענט Vanessa L. Gibson (וואניסא ל. גיבסאן) האט געזאגט,** "מיט די ווידעראויסטראכטן פון די קינגסברידזש ארמארי, וועלן אונז זעהן צוגענגליכע וואוינונג געלעגנהייטן, גוט-באצאלענדע יוניאן דשאבס מיט וועגן צו די מיטל קלאס, פארוויילונג ארט פאר יוגענט און פאמיליעס, שטיצע פאר קליינע ביזנעסער און אן אמתער פארפליכטונג צו יוגענט און פאמיליעס, שטיצע פאר קליינע ביזנעסער און אן אמת'ע פארפליכטונג צו אייניגע עקאנאנמישע אנטוויקלונג אין די בראנקס וואס אונז האבן שוין נישט געזעהן פאר צענדליגע יארן. א דאנק אייך צו NYC קאונסיל ספיקער Adrienne Adams (אדריענע עדעמס), מאיאריטעט פירער Amanda Farías (אמאנדא פאריאס), קאונסיל מעמבער Pierina Sanchez (פיערינא סאנטשעז), די מעמבערס פון די בראנקס דעלעגאציע און די גאנצע ניו יארק סיטי קאונסיל פאר די היינטיגע אפשטימונג פאר די טראנספארמאטיווע פלאן פאראויס. איך וויל אויך ארויסדריקען מיין דאנקבארקייט צו גאווערנער Kathy Hochul (קעטי האקול), מעיאר Eric Adams (עריק עדעמס), קאנגרעסמאן Adriano Espaillat (אדריאנא עספאליאט), די ניו יארק סיטי עקאנאמישע אנטוויקלונג קארפאראציע, 8טע רעגימענט פארטנער, און די צפון מערב בראנקס געמיינדע און רעליגיעזע פירער קאליציע פאר זייער מיטארבעט און אנגייענדע שטיצע אין פאראויסרוקן די היסטארישע פראיעקט. די ווידעראנטוויקלונג פון די לאנדמארק אין די הארץ פון די צפון מערב בראנקס שטייט אלץ עדות צו אונזער מיטגעטיילטע פארפליכטונג צו טרייבן אומפרעצענדירטע אינוועסטירונג צוריק אין אונזער באָרא, ווען אויספירענדיג די בלויפרינט אויסגעשורה'ט אין די *צוזאמען פאר קינגסברידזש וויזיע פלאן*."

**רעפריזענטאטיוו Adriano Espaillat (אדריאנא עספאיליאט) האט געזאגט,** "די היינטיגע מעלדונג איז א סיגניפישע טריט פאראויס אין די ווידעראנטוויקלונג פון די קינגסברידזש ארמארי און וועט האבן א ריזן פראזיטיווע ווירקונג אויף איינוואוינער וועלכע רופן די בראנקס היים," האט געזאגט רעפריזענטאטיוו Adriano Espaillat (אדריאנא עספאיליאט) (NY-13). "איך בין דאנקבאר צו זיך צאמשטעלן מיט ניו יארק גאווערנער Hochul (האקול) און קאמענדירן אלע ערוויילטע באאמטע פארנומען מיט די פראיעקט פאר זייער קאלעקטיווע באמיהונגען צו שטיצן די צוריקשטעלונג פון די איקאנישע לאנדמארק אין מיין דיסטריקט. איך קוק ארויס צו די צוקונפטיגע בענעפיטן און געלעגנהייטן עס וועט ברענגן צו די געמיינדע און אין אלגעמיין צו די סיטי פון ניו יארק."

**NYCEDC פרעזידענט און CEO Andrew Kimball (ענדריו קימבאל) האט געזאגט,** "די היינטיגע קאונסיל אפשטימונג איז א געווינס פאר קינגסברידזש הייטס און פאר די בראנקס, און טוט פארזיכערן אז

די שטאט קען זיך רוקן פאראויס אין ווידער אנטוויקלען די היסטארישע קינגסברידש ארמארי אין א דינאמישע, געמישטע-באנוץ האב וועלכע וועט ענדליך אריין ברענגן נייע צייטן פאר די פלאץ. פאר די פארגאנגענע דריי יאר, NYDEDC האט צוזאמגעארבעט פון די נאנט מיט ערוויילטע באאמטע, סטעיקהאלטער און די געמיינדע צו פארזיכערן אז א ווידעראנטוויקעלטע ארמארי שטעלט צו צו די גערויכן פון די געמיינדע און נאכפאלגענדיג די היינטיגע אפשטימונג, אונזער אנטוויקלוגנ מיטארבעטער, 8טע רעדישמענט פארטנערס קענען אנהייבן ארבעטן אויף אן אויפבוי צייטליניע און ענדגילטיגע גרונטברעכונג צערעמאניע."

**עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט פרעזידענט, CEO און קאמישינאר Hope Knight (האופ נייט) האט געזאגט,** "די קינגסברידש ארמארי איז פון לאנג א סימבאל פון שטארקייט און שטאנהאפטיגקייט אין די בראנקס. מיט די היינטיגע סיטי קאונסיל באשטעטיגונג, אונז טוהן באהערן די היסטאריע ווען אין די זעלבע צייט שפארן אויף נייע געלעגענהייטן פאר עקאנאמישע וואקס, געמיינדע פארשטערקערונגג און אריינעמענדיגע אנטוויקלונג. אינטער גאווערנער Hochul'ס (האקול) פירערשאפט, די סטעיט'ס אינוועסטירונג וועט העלפן צושטעלן גוט-באצאלענדע דשאבס, צוגענגליכע וואוינונג און וויבראנטע ארט וועלכע שטיצט לאקאלע ביזנעסער און אפרברייטערט ארבעטסקראפט וועגן פאר בראנקס איינוואוינער. אונז זענען דאנקבאר צו אונזער לאקאלע ערוויילטע באאמטע און געמיינדע מיטארבעטער פאר זייער פארפליכטונג צו א צוזאממארבעטענדע פובליק פראצעס וועלכע פארזיכערט די ווידעראנטוויקלונג שפיגלט אפ די געברויכן און אספיראציעס פון קינגסברידש הייטס. אונז בויען א שטערקערע צוקונפט דורך אינוועסטירן אין פראיעקטן וועלכע לייגט געמיינדעס ערשט און פארזיכערט ניו יארקער טיילן מיט אין די סוקסעס זיי העלפן שאפן."

**ניו יארק סטעיט היימען און געמיינדע אויפרישונג (Homes and Community Renewal) קאמיסיאנער RuthAnne Visnauskas (רוטענע וויסנאוסקאס) האט געזאגט,** "די באשטעטיגונג פון די 216 מיליאן דאלאר קינגסברידש ארמארי ווידעראנטוויקלונג וועט טראנספארמירן די פלאץ אין א קולטורישע און געמיינדע האב ווען צו די זעלבע צייט שאפענדיג געלעגענהייטן פאר די גאנצע געגענט צו בליען. פון די 500 צוגענגליכע היימען צו די דערנעבענדיגע אינטערהאלטונג און פארוויילונג ערטער, א דאנק די בראווע וויזיע פון גאווערנער Hochul (האקול) און אונזער מיטארבעטער, די פלאן וועט טראנספארמירן די בראנקס פאר גענעראציעס צו קומען."

**סענאטאר Kirsten Gillibrand (קירסטען דשיליברענד) האט געזאגט,** "די ווידעראנטוויקלונג פון די קינגסברידש ארמארי וועט צושטעלן באדייטענדע עקאנאמישע וואקס, צוגענגליכע וואוינונג און טויזענטע דשאבס צו די בראנקס. די פראיעקט צייכנט אפ א נייע קאפיטל פאר די היסטארישע געמיינדע לאנדמארק און וועט העלפן טרייבן די לאקאלע עקאנאמיע פאראויס. איך וועל ווייטער ארבעטן צו פארזיכערן פינאנצירונג וועלכע מאכט טראנספארמאטיווע פראיעקטן ווי די מעגליך פאר געמיינדעס איבער ניו יארק."

**מאיאריטעט פירער Amanda Farías (אמאנדא פאריראס) האט געזאגט,** "די קינגסבריש ארמארי שטייט פון לאנג א סימבאל פון אומבאנוצטע פאטענציאל אין אונזער בארא. די ווידעראנטוויקלוגנ טוט ענדליך טוישן די פאטענציאל צו געלעגענהייט - געטריבן דורך געמיינדע אינפוט פון מער ווי 4,000 בראנקס איינוואוינער צו פארזיכערן גוטע דשאבס, צוגענגליכע וואוינונג, יוגענט פראגראמען און קליינע-ביזנעס וואקס זענען ביי איר גרונט. אונז האבן פארזיכערט פארפליכטונגען צו לאקאלע אויפנעמונג, יוניאן געהאלט, און באשיצונגען פאר לאנג-שטייענדע קליינע ביזנעסער - וויבאלד ווידעראנטוויקלונג וועלכע טוט אויפהייטערן, נישט פארטרייבן איז ריכטיגע פארשריט. דעס וואלט נישט געווען מעגליך אן די אומבויגזאמער פירערשאפט פון קאונסיל מיטגליד (Pierina Sánchez)(פיערינא סאנטשעז). איך בין שטאלץ צו האבן געארבעט צוזאמען מיט איר אלץ טשעיר צו דעס מאכן א סוקסעס פאר די בראנקס, און איך קוק ארויס צו זעהן די פראיעקט צושטעלן פאר אונזער געמיינדע פאר גענעראציעס צו קומען."

**אסעמבלימעמבער George Alvarez (דשארדש אלווארעז) האט געזאגט,** "די קינגסברידש ארמארי ווידעראנטוויקלונג איז א געווינס פאר אונזער בראנקס געמיינדע. דורך שאפן דעדיקירטע ערטער פאר פארווייילונג, קולטור און לאקאלע פראגראמירונג, די פראיעקט פארזיכערט אז אונזער איינוואוינער, נישט נאר באזוכער, בענעפיטירן פון די היסטארישע לאנדמארק. דעס איז א ריכטיגע ביישפיל פון א דיוועלאפמענט געבויט מיט די געמיינדע, פאר די געמיינדע."

**אסעמבלימעמבער Yudelka Tapia (יודעלקא טאפיא) האט געזאגט,** "די היינטיגע סיטי קאונסיל אפשטימונג צייכנט אפ א היסטארישע טריט פאראויס פאר די בראנקס. די קינגסברידש ארמארי איז געשטאנען פאר צענדליגע יארן אלץ א דערמאנונג פון וואס עס קומט זיך פאר אונזער געמיינדע. די ווידעראנטוויקלונג וועט טראנספארמירן די לאנג-ליידיגע לאנדמארק צו א האב פאר צוגענגליכע וואוינונג, גוטע דשאבס, פארווייילונג און קולטור. דעס איז איבער פארזיכערן אז בראנקס פאמיליעס האבן א ריכטיגע טייל אין די צוקונפט וועלכע ווערט געבויט אטא דא אינדערהיים. איך בין פרייליך צו ווייטער ארבעטן מיט אונזער איינוואוינער, ערוויילטע באאמטע און אנדערע סטעיקהאלטער צו מאכן די פלאן א ריאליטעט."

**אסעמבלימעמבער Jeffrey Dinowitz (דשעפרי דינאוויץ) האט געזאגט,** "פלענער פאר די היסטארישע לאנדמארק, די קינגסבריש ארמארי, וועלן זיך ענדליך פאראויס רוקן. איך בין אין עקסטאז. איך האב פון לאנג געשטיצט דאס טראנספארמירן צו א פלאץ פאר אינטערהאלטונג, פארווייילונג, קולטורישע, קאמערציאלע, פראדוצירונג און געמיינדע באנוץ. די פראיעקט, און די טויזנטע דשאבס עס וועט צושטעלן, וועט זיין טראנספארמירענד פאר קינגסברידש הייטס און די גאנצע בראנקס. האבנדיג אויפגעוואקסן אין א פאר בלאקס פון די ארמארי, קען איך נישט זיין מער פריילעך, און איך בין דאנקבאר צו יעדער פארנומען אין דעס מאכן געשעהן."

**ניו יארק סיטי קאונסיל מעמבער Pierina Sanchez (פערינא סאנטשעז) האט געזאגט,** "פאר מיר, די היינטיגע אפשטימוגנ איז שטארק פערזענליך. האבנדיג אויפגעוואקסן אין די שטאן פון די קינגסברידש ארמארי, איך ווייס וואס די סטרוקטור רעפריזענטירט: די ריזן פאטענציאל פון אונזער געמיינדע, צענדליגע יארן פון נישט אינוועסטירן, און יעצט די צוזאג פון א בעסערע צוקונפט פאר אונזער מענטשן און די בראנקס. פון די אנהייב, בין איך געווען שטארק פארנומען אין פארזיכערן די פראצעס איז געמיינדע-געטריבן דורך צושטאנד ברענג אומצאליגע דיסקוסיעס און צאמזעצונגען צווישן ערוויילטע באאמטע, סיטי אגענטורן, די דיוועלאפער, און א ברייטע טוץ פון לאקאלע סטעיקהאלטער; צושטעלענדיג עדות ביי יעדער היערינג דורכאויס די פובליק איבערזיכט פראצעס; און פארזיכערענדיג אז אונזער געמיינדע'ס פריאריטעטן בלייבן אין די צענטער די גאנצע וועג ביז די ענדגילטיגע אפשטימונג. צו אפט, געמיינדעס ווי אונזערע ווערן איבערגעלאזט. א ווידעראנטוויקלונג פראיעקט פון די שטאפל איז זייער זעלטן אין מיין דיסטריקט; דעריבער ווען עס קומט אינטער א געלעגנהייט איז עס קריטיש אז אונז בלייבן געטריי צו וואס אונזער מענטשן טוהן שוין פון לאנג בעטן - און פארדינען. צוזאמען האבן אונז געוואנען א פראיעקט וועלכע וועט צושטעלן דאס וואס איך ווייס איז מעגליך אין מערב בראנקס: א צוקונפט אויף אונזער טערמינען. איך וואלט נישט געקענט זיין מער שטאלץ."

אין יוני 2025, בויענדיג אויף די געווינער פארשלאג, רעדשימענט פארטנערס און NWBCCC האבן געמאדלן אן אומפרעצעדירטע צוזאמארבעט אפמאך מיט די אנטוויקלונג שטאב צו זיך מיטשטעלן מיט די פראיעקט און העלפן מאקסימיזירן געמיינדע אינפוט און אייגנטומשאפט. די אפמאך פארפליכט זיך צו אנהאלטן הויכע ענווייראמענטאלע סטאנדארטן און טוט עמפאזירן געמיינדע אייגנטומשאפט דורך אויפשטעלן א געמיינדע קאונסיל, קא-צאמגעזעצט דורך NWBCCC. די קאונסיל וועט צושטעלן אנגייענדע אינפוט אויף טענאנט געמיש, פראגראמירונג און נא סטראטעגיעס פאר געמיינדע אינוועסטירונג. אין צוגאב, א געמיינדע בענעפיט פאנד, פינאנצירט דורך פראיעקט איינקונפט און געפירט

דורך די געמיינדע קאונסיל, וועט שטיצן לאנג-טערמיניגע לאקאלע אינוועסטירונגען אין איניציאטיוון געצילט צו בויען-פארמעגן און געמיינדע אייגנטומשאפט. א מעמאראנדום פון פארשטאנד איז אינטערגעשריבן געווארן אין יוני צווישן NWBCCC און 8טע רעדימענט פארטנערס, א געמיינזאמע ווענטשור פון Maddd Equities און Joy Construction.

די ערשטע פאזע פון די ווידעראנטוויקלונג איז צענטרירט ארום די 180,000-קוואדראט-פוס זויל פרייע דריל זאל אינערהאלב די ארמארי און וועט באשטיין פון א געמישטע-באנוץ דיוועלאפמענט מיט א סטעיט-פון-די-ארט וועניו ארט פאר אינטערהאלטונג, פארוויילונג ארט, קולטורישע און קאמערציאלע פלאץ, און איבער 25,000 קוואדראט פוס פון דעדיקירטע געמיינדע ארט. די ערשטע פאזע איז ערווארטעט זיך אנצוהויבן אין 2026 און זיין פארענדיגט אין 2030. די צווייטע פאזע באשטייט פון די דערנעבענדיגע נאציאנאלע גווארדיע ארט, וועלכע וועט שאפן ביז 500 איינריכטונגען פון פערמענאנטע צוגענגליכע רענטאל וואוינונג נעבן צו די ארמארי, ערווארטעט צו זיין פארענדיגט אין 2032.

די קינגסברידש ארמארי ווידעראנטוויקלונג איז געשטיצט דורך א 200 מיליאן דאלאר אינוועסטירונג פון מעיאר Adams (עדעמס) און גאווערנער Hochul (האקול), 3 מיליאן דאלאר פון בראנקס בארא פרעזידענט Vanessa Gibson (וואנעסא גיבסאן), 12 מיליאן דאלאר פון ניו יארק סיטי קאונסילמעמבער Pierina Sanchez (פיערינא סאנטשעז) און א 1.05 מיליאן דאלאר גרענט פון די פאראייניגטע שטאטן דיפארטמענט פון וואוינונג און אורבאן אנטוויקלונג ( U.S. Department of Housing and Urban Development ) מיט די שטיצע פון רעפריזענטאטיוו Espaillat (עספאילאט). די אויפבוי וועט ווערן אויסגעפירט אינטער א פראיעקט לעיבער אפמאך, פארזיכערענדיג גלייכע געהאלט און בענעפיטן פאר אויפבוי ארבעטער.

די קינגסברידש ארמארי האט זיך געפענט אין 1917 און איז געווארן באנוצט דורך די פאראייניגטע שטאטן מיליטער ביז 1994 פארן צוריק גיין צו סיטי אייגנטומשאפט אין 1996. די ארמארי איז דעזיגנירט געווארן אלץ א ניו יארק סיטי לאנדמארק אין 1974 און געלייגט געווארן אויף די נאציאנאלע רעגיסטער פאר היסטארישע פלעצער ליסט אין 1982. איבער די פארגאנגענע יאר צענדליג, די קינגסברידש ארמארי האט געדינט אלץ אן עמערדשענסי סופליי און עסן פארטיילונג צענטער נאכפאלגענדיג האריקעין סענדי, דורכאויס די קאוויד 19 פאנאדעמיע און נאך די טווין פארקס פייער.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן